# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

וישלח
שנה ב'




כל הזכויות שמורות

## די לימוד פאר נאך חנוכה

### ווער איז דער שונא?

**עס** איז באקאנט די מעשה איבער די העלדישע שלאכטן וואס די חשמונאים, אנגעפירט דורך מתתיהו כהל גדול, האבן געפירט צו ראטעווען די תורה וואס די פיינט האבן געוואלט אונטערברענגען. ווער זענען אבער געווען די פיינט קעגן וועמען מתתיהו האט געקעמפט?

אריינקוקנדיג אין סידור טרעפן מיר דעם ענטפער: כְּשֶׁעָמְדָה מַלְכוּת יָוָן הָרְשָׁעָה. כְּשֶׁעָמְדָה מַלְכוּת יָוָן הָרְשָׁעָה - דאס מיינט, אז די יוונים, די סירישע גריכן, זיי האבן געוואלט אויסמעקן די תורה. אונזערע שונאים זענען געווען די גריכן. אבער אייגנטליך איז דאס ווייט פון צו זיין די פאקטישע ווארהייט, נאר די חז"ל, וועלכע האבן אריינגעשטעלט די ווערטער אין סידור, האבן געוואלט שיצן אויף דעם כבוד פון די אידן.

צי ווייסט איר ווער עס האט געוואלט צעשטערן די תורה? די זענען ליידער געווען אידן. דער שורש פון די צרות זענען געווען אידן, וואס נאר צוליב זיי האבן אונזערע אור-עלטערן מלחמה געהאלטן חנוכה - עס איז געווען א קאמף קעגן אידן.

און דאס איז די גאנצע מעשה:

### בן טובי' געווינט מיט זיין אנבאט

**אין** די תקופה ווען עס האט געלעבט דער אייניקל פון שמעון הצדיק, איז געווען א מענטש מיט'ן נאמען יוסף בן טובי'. דער מענטש איז געגאנגען צום קעניג פון מצרים, וועלכער האט דאן געהערשט איבער די אידן אין יהודה און ער האט אים פארגעשלאגן א פלאן: "איך וועל צאלן פאר דעם קעניג א גרויסער סכום געלט, זאל דער קעניג זאל מיר איבערגעבן דעם רעכט צו איינקאסירן די שטייערן פון דעם קעניג'ס אונטערטאנען אין יהודה און סיריע. דער קעניג זאל מיר נאר מיטגעבן עטליכע סאלדאטן וואס זאלן מיר באגלייטן און אלעס וועט זיין ערלעדיגט."

אזוי האט זיך עס געפירט אין יענע צייטן. דער קעניג האט זיך נישט אפגעגעבן מיט איינמאנען די שטייערן, דאס פלעגט געטון ווערן דורך דעזיגנירטע שטייער איינקאסירערס. מענטשן פלעגן קומען צום קעניג מיט אן אנבאט און דער וואס האט זיך אנגעטראגן צו איינקאסירן די מערסטע געלט אלס שטייער פאר דעם קעניג'ס קאסע, ער איז געווארן דער ממונה איבער די שטייערן. אין לשון הקודש ווערט דער טיטל פאר'ן שטייער איינקאסירער גערופן 'מוכס'.

יוסף בן טובי' איז געגאנגען צום קעניג און ער האט געוואונען מיט זיין אנבאט איבער אנדערע און איז באשטימט געווארן אלס שטייער איינקאסירער אין יהודה און סיריע. דער קעניג פון מצרים, תלמי, האט אים מיטגעגעבן סאלדאטן צו העלפן אויספירן זיין שליחות. דער יוסף האט אנגעהויבן צו מארשירן מיט די סאלדאטן צווישן די בירגער צו איינקאסירן שטייערן, ער האט אבער זיך נישט באגנוגנט מיט געווענליכע סומעס פאר שטייער, ער האט פארלאנגט אויסטערלישע גרויסע געלטער. ווען מענטשן האבן נישט געוואלט אדער

געקענט געבן, האט ער נישט ארויסגעוויזן קיין שום רחמנות. ער האט חרוב געמאכט שטעט צו באקומען וואס ער האט געוואלט.

## א פאראיין וואס ווארפט א שרעק

**יוסף** איז געקומען צו די שטעט פון אשקלון און יפו, וואס זענען געווען באזעצט מיט גוים. ווען די איינוואוינער האבן זיך קעגנגעשטעלט צו געבן די שטייערן, האט ער פארברענט די שטאט יפו.

ער האט פארלאנגט אויסטערלישע שטייער, ער האט געריסן די הויט פון די בירגער. ער האט געמאכט אויף זיי 10,000% ריווח פון זיין אינוועסטירונג וואס ער האט געצאלט פאר׳ן קעניג. די מענטשן האבן דאס נישט געהאלטן ביים געבן, עס איז געווען צופיל. פלעגט ער צאמנעמען די חשוב׳ע מענטשן, זיי ארויספירן פון שטאט און זיי גע׳הרג׳עט. ווען די איינוואוינער האבן דאס געזען, זענען זיי דערשראקן געווארן און זיי האבן אנגעהויבן ארויסצוגעבן זייער געלט און באצאלן די שטייערן.

ער האט געוועלטיגט מיט שטייפקייט, אנזייענדיג א שרעק. ער איז געווען א שרעקליכער באנדיט! שטעלט אייך פאר היינט אז מאפיאנערן וואלטן ח״ו באקומען די איבערהאנט צו פירן דאס לאנד, אבער אין אמת׳ן איז ער געווען נאך ערגער ווי די מאפיא. ער האט געטרונקען דאס בלוט פונעם אידישן פאלק, אין דער צייט וואס ער און זיינע מענטשן זענען געווארן זייער רייך. מען האט זיך פון זיי נישט געקענט ארויסדרייען. ער האט אויפגעשטעלט קאנצעלייען אין יעדן שטאט און שטעטל און אריינגעשטעלט דארט זיינע אפיצירן. עס איז געווען ווי א גרויסער פאראיין פון שטייער מאנערס, צעשפרייט אין אלע שטעט. די בעאמטע האבן פונקטליך געוואוסט איבער דעם געלט צושטאנד פון יעדן איינוואוינער; ווער עס פארדינט געלט און וויפיל. זיי האבן שרעקליך אונטערדריקט די אידן, נישט נאר מיט ארויסשלעפן פון זיי געלט, נאר זיי האבן אויך פארכאפט זייערע טעכטער! די אידן האבן שרעקליך געליטן פון זיי!

## סיריע פאראייניגט זיך

**אינצווישן** האט דער מצרי׳שער קעניג זיך משדך געווען מיט דעם קעניג פון סיריע, נעמענדיג זיין זון אלס איידעם. דאן האבן זיי זיך פאראייניגט מיט זייער מלוכה, זיי האבן צוזאמען געהערשט איבער דעם לאנד פון יהודה. דעמאלט האבן יוסף בן טובי׳ און זיין גרופע אנגעקניפט פארבינדונגען אויך מיט דעם סירישן קעניג, און זיי האבן ווייטער פארגעזעצט צו טרינקען דאס בלוט פון די אידן, אונטערדריקנדיג זיי מיט שווערע שטייערן.

ווערנדיג נאנט באפריינדעט מיט די גוים אין סיריע און מצרים, זענען זיי געווארן נאכגעשלעפט זיך צו פירן ווי זיי. זיי האבן זיך געפירט אוממאראליש מיט הפקרות. עס איז זיי נישט אנגעגאנגען פון אידישקייט, זיי האבן אפגעלאזט די תורה. זיי האבן געהאט אסאך געלט, זיי האבן זיך פון קיינעם נישט דערשראקן און האבן אנגעהויבן צו פארדארבן דאס לאנד.

## פארבײַ מיט די אלטע, עס קומען נייע צייטן

**דער** סדר העולם איז, אז מענטשן ווערן צוגעצויגן צו רייכע פראמינענטע לייט און זוכן זיי צו חנפ׳נען, דינען און ארבעטן פאר זיי. אזוי האט פאסירט, אז נאך א שטיק צייט האט זיך פארמירט א גאנצער פארטיי ארום יוסף בן טובי׳. דאס זענען געווען די מענטשן וועלכע האבן די ערשטע זיך גע׳שמד׳ט. זיי זענען די וועלכע האבן באשלאסן אז די אידן פירן זיך צו אלטמאדיש און מאכן שאדן פאר דאס אידישע פאלק מיט דעם וואס מען שטעלט זיך נישט צו צו די גריכישע קולטור.

אייגנטליך, וואו קומען דא די גריכן אריין אין בילד? לאמיר דערציילט א שטיקל היסטאריע, כדי מיר זאלן פארשטיין די אנטוויקלונגען. עס איז געווען א תקופה וואס גריכלאנד האט איינגענומען די גאנצע באוואוינטע וועלט. אונטער די מלוכה פון אלכסנדר דער גרויסער, איז די גאנצע וועלטסטייל אונטערגעפאלן די גריכישע הערשאפט. ווען דער קעניג אלכסנדר דער גרויסער איז געשטארבן, איז די גריכישע אימפעריע צעטיילט געווארן אין פיר טיילן; איין טייל איז געווען מצרים, אבער נאר געאגראפיש איז דאס געווען מצרים, אין ווירקליכקייט איז דאס

געווען א גריכישער מצרים. פון דאן איז מצרים אלעמאל געווען א גריכישער מצרים. אפילו ווען עס איז אריבער צו די אראבער, מוחמד, איז עס געווען א גריכישער מצרים. אזוי אויך מיט סיריע; עס איז געווארן א גריכישער סיריע. אלכסנדר האט געהאט איינגענומען דאס גאנצע אזיע האלב-אינזל און אלעס דארט איז געווארן גריכיש.

## אנטיוכוס, מינילאוס און די כהונה גדולה

**די** קעניגן פון די סירישע גריכן זענען מערסטנס פון זיי גערופן געווארן מיט׳ן נאמען ׳אנטיוכוס׳. עס זענען געווען געוויסע אויך מיט אנדערע טיטלען, ווי דימיטריוס, אבער אנטיוכוס איז געווען די מערסטע גאנגבארע.

די רייכע, איינפלוסרייכע אידן, וואס מען האט גערופן העלעניסטן, זענען געקומען צו איינע פון די אנטיוכוס קעניגן און געזאגט, ״מיר ווילן אז איינער פון אונזערע מענטשן זאל ווערן דער כהן גדול ביי די אידן.״

זיי האבן געזאגט צו אנטיוכוס אזוי: ״דער יעצטיגער כהן גדול ביי די אידן, פירט זיך לויט די אלטמאדישע אידישע וועגן, אבער מיר ווילן ווערן מער אזוי ווי אייך. מיר ווילן זיך מאדערניזירן און ווערן אייניגע לייט ווי אייך. אזוי ווי איר זענט די הערשער איבער דעם לאנד יהודה, געב ארויס א באפעל אז עס זאל אויפגענומען ווערן א כהן גדול וואס מיר וועלן אויסוועלן.״

אנטיוכוס האט זיך צוגעהערט צו זיי און עס איז אויפגענומען געווארן אלס כהן גדול א מענטש מיט׳ן נאמען מינילאוס. דער נאמען אליין אנטפלעקט שוין וואס דער מענטש איז געווען; א כהן גדול מיט א גוי׳ישער נאמען! ער איז געווען א איד, געשטאמט פון כהנים, אבער ער איז געווען ווי א יווני, ער האט געהאט א קאפ פון א יווני. ער איז נישט געווען קיין ערליכער.

## יאסון נעמט איבער מינילאוס

**אבער** נאך א שטיק צייט איז אפילו מינילאוס מער נישט גוט געווען פאר זיי, ווייל ער האט נישט געוואלט אריינלייגן א געטשקע אין בית המקדש! די מענטשן האבן ר״ל געוואלט אריינשטעלן א גריכישע געטשקע, אזוי ווי די יוונים האבן געהאט אין אלע זייערע גריכישע געבעטע הייזער. נהיה ככל הגוים, האבן זיי געזאגט.

זיי האבן נאכאמאל גענומען רשות פון קעניג און זיי האבן געשטעלט א נייעם כהן גדול מיט׳ן נאמען יאסון. ער איז געווען זייער ערשטער, אזוי גערופענער כהן גדול, און ער האט ר״ל אריינגעברענגט אן עבודה זרה אין בית המקדש.

## אין די וועגן פון די יוונים

**ווען** יאסון האט אריינגעשטעלט די געטשקע אינעם בית המקדש, האט ער געמאכט א גאנצע צערעמאניע דערפון, איינלאדנדיג אלע אידן.

זיינע פריינט האבן אויפגעבויעט א גרויסער גימנאזיום אינדרויסן פון ירושלים, ווי פיל אידישע מענער זענען געקומען שפילן אויפ׳ן גריכישן שטייגער, מיט אלע זייערע תועבות. דערנאך האבן זיי אנגעהויבן קעמפן קעגן ברית מילה! מ׳קען נישט לעבן גריכיש און גיין אין גריכישע גימנאזיומס און נאך זיין צוגעבינדען צום אות ברית קודש! די דאזיגע ״אידן״, די חברים פון יאסון זענען די וואס האבן אנגעברענגט די שמד.

פארשטייט זיך אז עס האט זיך געשטעלט א קעגנערשאפט צווישן די אמת׳ע אידן קעגן די מתיוונים, די אידן זענען נישט געווען גרייט מוותר צו זיין אויף בריתו של אברהם אבינו. זענען די מתיוונים געגאנגען צום קעניג און געזאגט, ״ מיר פרובירן אויפצוקלערן די אידן; מיר ארבעטן דערויף זיי צו מאכן יוונים, אבער עס זענען דא אזעלכע וואס דרש׳נען קעגן אונז, מיר ווערן געשטערט אין אונזער וועג. זיי נעמען צוזאמ די יוגנט און זענען זיי מחזק צו היטן די תורה און נישט צוהערן צו אונז. דערפאר, געב ארויס א גזירה אז ווער עס וועט היטן די תורה זאל געפייניגט און גע׳הרג׳ט ווערן.״ האבן זיי זיך געבעטן ביים קעניג. זיי זענען די וואס האבן זיך איינגעבעטן אויף דעם; די אידישע מתיוונים!

## פאר אנטיוכוס איז נישט אנגעגאנגען די אידישע אמונה

**עס** זענען פאראן צוויי מקורות צו די מעשה. איינע איז אין אנהייב פון דעם ספר מכבים, וואס ווערט אויך גערופן ספר חשמונאים, אזוי אויך אין ספר יוסיפון. אין ביידע מקורות ווערט געברענגט, אז אין יענע טעג זענען בני בליעל - שלעכטע מענטשן - געקומען פון צווישן די אידן און געבעטן דעם קעניג ער זאל נעמען שריט קעגן זייערע אייגענע אידישע ברידער וועלכע זענען פאר׳עקשן׳ט, האלטנדיג זיך פעסט צו זייער אלטע מסורה. אנטיוכוס אליין האט אינגאנצן נישט געטראכט דערפון. ער וואלט קיינמאל נישט געקלערט דערפון, עס איז אים אינגאנצן נישט אנגעגאנגען. דאס גאנצע וואס ער האט געוואלט פון די אידן איז געווען אז זיי זאלן צאלן שטייער. ער איז נישט געווען אינטערעסירט אין די רעליגיע פון די אידן. אבער די שלעכטע אידן, די העלעניסטן, זענען געקומען און זיך געבעטן ביים קעניג ער זאל צווינגען די אידן צו ווערן יוונים. מיט דעם האט זיך אנגעהויבן דער גזירות שמד.

די העלעניסטן זענען ארויסגעגאנגען און אויפגעזוכט אידן וואס היטן די תורה. ווען זיי האבן געטראפן איינעם מאכן א ברית מילה פאר זיין ניי געבוירן קינד, האט מען אים גע׳הרג׳ט. זיי האבן געבראטן, געהאנגען, געשטאכן און געפייניגט אויף אלע וועגן די ערליכע אידן וועלכע האבן געליטן און געשוויגן. וואס האבן זיי דען געקענט טון? די העלעניסטן זענען געקומען מיט כח, באגלייט מיט קעניגליכע סאלדאטן.

## דער סידור פארדעקט דעם כבוד פון די אידן

**איידער** מיר גייען ווייטער, דארפן מיר קלאר מאכן, ווי געברענגט אין אנהייב, אז די גאנצע צרה איז געקומען נאר צוליב אידן. די דאזיגע אידן האבן גענוצט די יוונים אלס מיטל צו צווינגען זייערע אידישע ברידער צו עובר זיין אויף די תורה. דאס וואס עס שטייט אין סידור די ווערטער, כְּשֶׁעָמְדָה מַלְכוּת יָוָן - דער יווני׳שער קעניגרייך איז אויפגעשטאנען קעגן די אידן, האט נישט פונקט אזוי פאסירט, נאר די חז״ל וועלכע האבן מתקן געווען די תפילה, האבן אלעמאל פראבירט צו שיצן אויף דעם כבוד פון די אידן, דערפאר האבן זיי נישט געוואלט אנטפלעקן די ווארהייט פון די מעשה. אבער אין ספר יוסיפון און ספר החשמונאים, שטייט יא באשריבן די ריכטיגע געשיכטע, אנטפלעקנדיג דעם אמת.

מיר וועלן איבערהיפן וואס איז געשען אינצווישן, וואס איז אלעמען באקאנט, אבער צום סוף, נאך לאנגע יארן פון ביטערע שלאכטן, איז אנטיוכוס געווארן אזוי בייז און געזאגט, "וואס ווילן זיי פון מיר? פארוואס שלעפן מיר די אידן אריין אין זייערע פערזענליכע פראבלעמען? די אידן ווילן זיך האלטן צו זייער אמונה, וואס איז דאס מיין געשעפט?" און דאן האט ער אויפגעגעבן, ממש פאר זיין טויט. ער האט אלעס אויפגעגעבן, ווייל ער איז פון אנהייב נישט געווען אינטערעסירט אין די גאנצע זאך, נאר ער איז נאכאנאנד געשטופט און געבעטן געווארן דורך די מתיוונים.

## די ברען פון מתתיהו

**בשעת** די אידן זענען אומשולדיגערהייט אויסגע׳הרג׳ט געווארן, האבן זיי געליטן און געשוויגן. דאס אידישע פאלק איז געוואוינט צו דעם, זיך צו לאזן אונטערדריקן און נישט פירן קיין מלחמות און דא, אז אנטיוכוס דער קעניגט פון סיריע, וועלכער האט געהערשט איבער זיי, האט געשיקט זיינע סאלדאטן צו אטאקירן די ערליכע אידן, האבן זיי גארנישט געקענט טון קעגן דעם.

איז באקאנט, אז עס איז אויפגעשטאנען איין מאן, מתתיהו.. ווען איינער איז געקומען צו זיין וואוינארט, די שטעטל מודיעין, און געצוואונגען די אידן צו מקריב זיין א חזיר פאר די עבודה זרה. יעדער קען די מעשה, מיר וועלן נאר אונטערשטרייכן אפאר נקודות.

דער אפיציר האט צאמגערופן אלע אידן, יעדער האט געדארפט צוזען ווי אזוי אידן געבן זיך אונטער און זיי שחט׳ן א חזיר פאר אן עבודה זרה. מתתיהו איז שוין דאן געווען אן אלטער מאן, אבער ער האט געהאט אין זיך דעם ברען וואס ער האט גע׳ירש׳נט פון זיינע עלטערן. ער האט געשטאמט פון לוי, אויף וועמען זיין טאטע יעקב האט געזאגט, אָרוּר אַפָּם - געשאלטן איז זיין כעס. אויך די כהנים זענען אין נאטור היציגע מענטשן, אין אלע דורות. און אזוי איז געווען ווען מתתיהו האט געזען וואס עס קומט פאר, האט ער מיטגענומען א שווערד, ער האט דאס באהאלטן אונטער זיין מאנטל און איז געגאנגען צו די פארזאמלונג.

## דער וואלונטיר ווערט גע'הרג'ט

**ווען** דער אפיציר האט אנגעהויבן צורעדן די מענטשן צו ארויסקומען צו די בימה, איז דער ערשטער ווערמען ער האט געבעטן געווען מתתיהו, ווייל ער איז געווען דער חשוב'סטער מענטש אין שטעטל. אויב וואלט מתתיהו געפאלגט און גע'שחט'ן א קרבן פאר די עבודה זרה, וואלטן די יוונים באוועלטיגט דעם גאנצן שטעטל. אבער מתתיהו האט זיך נישט גערירט פון ארט, ער האט זיך נישט געלאזט איבעררעדן. דאן האט א צווייטער מענטש, א שוואכלינג, איינער וואס האט געהערט צו די מתיוונים, זיך אליין אנגעטראגן און ארויסגעטרעטן. ער איז צוגעגאנגען נענטער צו מקריב זיין דעם קרבן. דאן האט מתתיהו אריינגעשטעקט זיין האנט אונטער'ן מאנטל און ארויסגעצויגן זיין שווערד. מיט גרויס אויפרעגונג איז ער ארויסגעלאפן פון צווישן די מאסן ביז צו דעם וואלונטיר און אים דורכגעשטאכן מיט זיין שווערד און דערנאך אויך דעם יוונ'ישן אפיציר און ביידע זענען אוועקגעפאלן טויט.

נאכ'ן אויספירן דעם טאט האט ער שוין נישט געקענט צוריקציען. אז ער האט גע'הרג'ט דעם קעניג'ס אפיציר, האט ער מער נישט געקענט בלייבן אין שטעטל. האט מתתיהו אויסגערופן, "מי לה' אלי - ווער איז געטריי צום באשעפער, זאל קומען מיט מיר!"

דאס איז נישט געווען אזוי פשוט ווי עס הערט זיך. דאס האט געמיינט צו פארלאזן די היים, איבערלאזן דאס גאנצע פארמעגן און אנטלויפן זיך צו באהאלטן אין די וועלדער, אויף די בערג און אין די מערות. אבער פיל מענטשן זענען מיטגעגאנגען מיט מתתיהו.

מתתיהו און אלע זיינע זין האבן זיך מוסר נפש געווען צו ראטעווען די תורה, זיי זענען אלע גע'הרג'ט געווארן אין די שלאכטן. נאר זיין זון שמעון האט איבערגעלעבט.

די חשמונאים האבן געקעמפט גאנצע דרייסיג יאר. נאך צוויי יאר פון ווען זיי האבן אנגעהויבן די מרידה, דאס מיינט פינף יאר נאך וואס די גזירות האבן זיך אנגעהויבן, איז באשטימט געווארן דער יום טוב חנוכה, אבער דערנאך האבן זיי נאך געפירט מלחמות פינף און צוואנציג יאר.

זיי זענען אבער איינס ביי איינס אויסגע'הרג'ט געווארן, בשעת זיי האבן זיך אנגענומען פאר די תורה.

## נאר שמעון בלייבט לעבן

**שמעון** איז פארבליבן די לעצטע פון אלע ברידער און ענדליך האט ער אפגעצייכנט א זיג. אין זיין צייט האט זיך אלעס אפגעשטילט, עס האט אויסגעזען ווי עס איז געווארן שלום. דער באשעפער האט אזוי צוגעפירט די געשעענישן אז דער מצב אין ארץ ישראל זאל זיך קענען בארואיגן.

אין סיריע זענען געווען צוויי קעניגן וועלכע האבן זיך געקריגט איבער דעם טראן און יעדער פון זיי האט פראבירט צו באקומען וואס מער פארבונדעטע צו זיין זייט. יעדער האט מורא געהאט אז די אידן, וועלכע האבן זיך ארויסגעשטעלט צו זיין גיבורי מלחמה, וועלן זיך צושטעלן צום צווייטן צד, דערפאר האבן זיי ביידע אנגעהויבן טון פיל טובות פאר די אידן.

עס איז געווען א פארמעסט צווישן די צוויי קעניגרייכן. איינער האט געזאגט צו שמעון, "איך וועל דיר מאכן זעלבסטשטענדיג." דער צווייטער האט געזאגט, "ניין, איך וועל טון בעסער; איך וועל דיר מאכן פאר א קעניג." און דאן האט דער ערשטער געזאגט, "איך וועל דיר געבן דאס, איך וועל דיר געבן יענץ."

זיי האבן אנגעהויבן טון אזויפיל טובות, ביז ענדליך איז דאס אידישע פאלק גענצליך באפרייט געווארן פון דעם סירישן יאך און זיי זענען אויך פריי געווארן פון צאלן שטייער. זיי זענען געווארן זעלבסטשטענדיג. עס איז געווען א יד ה' וואס האט גורם געווען אז די צוויי טיילן פון סיריע זאלן זיך קריגן צווישן זיך און דאדורך ערמעגליכן די ערליכע אידן צו אפאטעמען נאך די פיל יארן פון מלחמה.

## די דיפלאמאטן זוכן ארבעטס פאסטנס

**יעצט** איז אלעס אריבער. עס זעט אויס ווי מען קען זיך שוין בארואיגן און לעבן א פרידליך לעבן. אבער די שווערע שאלה איז, וואס איז געווארן מיט די שלעכטע מענטשן, די העלעניסטן? נאך וואס די ערליכע אידן האבן געזיגט, וואס איז געווארן מיט די נישט ערליכע? זיי זענען געווען אזוי פיל און אזוי רייך, מיט א שטארקן כח. איז וואס האט פאסירט מיט זיי? צי האט זיי די ערד איינגעשלונגען?!

דער ענטפער איז, אז עס האט גארנישט פאסירט מיט זיי! זיי זענען נאך אלץ געווען צווישן די אידן. זיי זענען אלע געווען רייך, זיי זענען אלע געווען דיפלאמאטן, זיי האבן געהאט פארבינדונגען מיט די קעניגן פון די ארומיגע לענדער. זיי האבן געהאט אויפגעשטעלט א פארצווייגטע נעץ פון שטייער איינקאסירונג, יעצט האבן זיי נישט געהאט קיין ארבעט. אבער זיי האבן געהאט גענוג געלט וואס זיי האבן אנגעזאמלט פון די פיל יארן פון צאמנעמען שטייער, פיל יארן פון זויגן אידיש בלוט.

וואס האבן יעצט די חשמונאים געטון צו זיי? די חשמונאים זענען געווען ערליכע אידן, זיי האבן אויסגעהערט און געפאלגט די חכמים. אין אנהייב האבן די חשמונאים געטון אלעס נאר וואס די גדולי התורה האבן זיי אנגעוויזן; סיי אין תורה אנגעלעגנהייטן און סיי אין פאליטישע ענינים. ווילאנג זיי האבן טאקע זיך געפירט אינגאנצן נאר לויט די הדרכה פון די גדולי הדור, זענען זיי געווען גליקליך.

יעצט וועלן מיר אבער זען וואס עס האט פאסירט ווען זיי האבן אויפגעהערט צו אויספאלגן.

## די מתיוונים ווארטן שטיל

**די** חשמונאים האבן באשלאסן אז זיי דארפן ווערן פריינט מיט זייערע אלטע שונאים. "זיי קענען נישט זיין אזוי שלעכט," האבן זיי געזאגט, "נאך אלעם זענען זיי דאך אידן. איז אנשטאט זיי צו פארטיליגן, לאמיר זיך דורכקומען מיט זיי, עפעס א סארט שלום - נאך אלעם, זענען זיי אידן. יעצט קענען זיי אונז מער נישט שעדיגן, ווייל מיר האבן דעם מאכט. יעצט זענען זיי שטיל."

אבער דער אמת איז געווען, אז זיי האבן נאר צייטווייליג זיך געהאלטן שטיל. זיי האבן געהאלטן זייער מויל פארמאכט, די העלעניסטן, וואס מיר וועלן פון יעצט רופן מתיוונים, זיי האבן געווארט אויף א געלעגנהייט. און די חשמונאים האבן זיי דאס געגעבן. זיי האבן געזאגט, אזוי ווי זיי זענען שטיל, לאמיר פראבירן זיי צו דערנענטערן, זיי אונטערקויפן און ווערן זייערע פריינט. אזוי ווי זיי זענען געווען באהאוונט אין פאליטיק נאך יארן ערפארונג, האבן די חשמונאים זיי אנגעהויבן צו געבן רעגירונגס אמטן, ווייל די מתיוונים קענען דאך נישט בלייבן סתם ציווילע בירגער, זיי וועלן מאכן פראבלעמען. אבער אויב מ'וועט זיי געבן רעגירונגס פאסטנס, פאזיציעס פון אויטאריטעט, דאן, האבן די חשמונאים געטראכט, וועלן זיי זיין פריינטליך. און אזוי האבן זיי טאקע אנגעהויבן צו טון.

## דער מאן מיט די גאלדענע טישן פעלט ביים שיעור

**אין** יענער צייט ווען שמעון, דער לעצט פארבליבענער פון די ברידער, האט נאך געלעבט, איז געווען איינער פון די תנאים, פון די גדולי תורה, נתאי הארבלי. זיין נאמען ווערט דערמאנט אין פרקי אבות, וואו ער דרש'נט, "הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע - דערווייטער זיך פון א שלעכטן שכן."

אבער ווען נתאי הארבלי האט גע'דרש'נט די רייד, האט ער זיך ארומגעקוקט אויף דעם עולם און ער האט נישט געזען שמעון אנוועזנד. שמעון איז נישט געווען ביי די שיעורים פון נתאי הארבלי, ער איז נישט געקומען צוהערן צו די חכמים. איר ווייסט פארוואס שמעון איז נישט געקומען? ווייל ער האט שוין געטראגן א גאלדענער גארטל ווי א קעניג. ער האט זיך געהאט געמאכט גאלדענע טישן. ער האט געוואלט ווייזן זיין כבוד. ער האט געוואלט אז די אידן זעלן אים שעצן - נאך אלעם איז ער זייער פירער - האט ער זיך געלאזט מאכן מעבל פון ריינע גאלד.

דערפאר האט שמעון באשלאסן אז עס פאסט מער נישט פאר זיין כבוד צו גיין הערן די חכמים. ער איז שוין געווען 'צו גרויס' זיי צו אויסהערן. און אז ער איז נישט געקומען צו די שיעורים, האט ער נישט געהערט דעם אנזאג, "הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע".

וואס מיינט א שלעכטער שכן? א מענטש וואס איז נישט ערליך, ער היט נישט די תורה, ער הייסט א שלעכטער שכן. עס מאכט נישט אויס אויב ער זעט אויס ווי א 'פיינער מענטש', ער זעט אויס גוט. שטייט ווייט פון אים! אבער שמעון איז נישט געקומען הערן די גוטע עצה, ער האט געמיינט אז ער פארשטייט בעסער, ער האט געהאט זיין אייגענע וועג ווי אזוי צו טון זאכן. און ער האט געמאכט א פאטאלער טעות.

## תלמי: דער גאלדענער איידעם

**די** רשעים, די מתיוונים, זענען אלע געווען רייך, דערפאר האט ער געהאט אן אינטערעסע צו זיין באפריינדעט מיט זיי. ער איז געווארן אזוי נאנט מיט זיי, ביז ער האט גענומען איינעם פון זיי אלס אן איידעם. אנשטאט צו אויסהערן די חכמים וועלכע האבן געהייסן שטיין ווייט פון א שלעכטער שכן, האט ער אריינגעברענגט דעם שלעכטן שכן צו זיין פאמיליע. ער האט געקענט נעמען אלס איידעם א בן תורה, אבער ער איז שוין געווען צו גרויס פאר דעם. א מענטש מיט גאלדענע טישן זוכט אן איידעם וואס האט אויך אייגענע גאלד. הערנדיג דעם נאמען פון דעם איידעם וואס ער האט גענומען, קען מען שוין פארשטיין וואספארא סארט מענטש ער איז געווען. זיין נאמען איז געווען תלמי. ער איז געווען איינער פון די מתיוונים, פון די העלעניסטן. אצינד לאמיר זען וואספארא נחת ער האט געהאט פון דעם איידעם!

דער איידעם האט געמאכט א מסיבה אין איינע פון די שטעט, דאכט זיך אז אין עזה, און ער האט איינגעלאדנט זיין שווער צו קומען. שמעון איז געקומען, און, דער איידעם האט אים דארט גע׳שחט׳ן! דאס איז וואס די יווני׳שע אידן האבן געטון, ווייל זיי האבן זיך אפגעלערנט פון די גריכישע דרכים. פאר א יווני, א גוי, איז גארנישט צו הרג׳נען א מענטש. ער וויל פטור ווערן פון א שווער? מען נעמט א שווערד, און געענדיגט מיט אים. אזוי האבן די יוונים געטון און דאס האט תלמי, דער מתיוון נאכגעטון.

ביי די גריכן און די רומיים איז דער אופן פון אויסוועלן א נייעם קעניג געווען מיט א שווערד.

## יוחנן כהן גדול

**יעצט** הערט וואס האט פאסירט אלס רעזולטאט פון דעם וואס שמעון האט זיך נישט צוגעהערט צו נתאי הארבלי, וועלכער האט געלערנט זיך צו דערווייטערן פון שלעכטע שכנים. נאך וואס תלמי איז פטור געווארן פון זיין שווער שמעון, איז ער שנעל געגאנגען קיין ירושלים צו איינצונעמען די מאכט. דאס איז געווען זיין פלאן פון אנהייב. אבער ווען יוחנן הורקנוס, דער זון פון דעם דערמארדעטן שמעון, האט געהערט וואס עס האט פאסירט, האט ער זיך שנעל געאיילט קיין ירושלים און אנגעזאגט פאר זיינע מענטשן, "לאזט אים נישט." האט מען פארשפארט די טויערן און נישט אריינגעלאזט תלמי.

ווען יוחנן הורקנוס איז געקומען קיין ירושלים צו אפהאלטן דאס אייננעמונג פון זיין שוואגער תלמי, איז ער ווייטער געגאנגען צו דעם אמט פון כהן גדול און ער איז געווארן דער נייער פירער פון די אידן, דער נאכפאלגער פון זיין טאטן.

## צו ווערן ג׳הרג׳ט איז קיינער נישט נאריש

**אצינד** פרעגט זיך א שאלה. דער מענטש תלמי האט גע׳הרג׳ט זיין שווער שמעון, וועלכער איז געווען באליבט ביי אלע אידן. ער איז געווען געשעצט אלס א העלד, ווייל ער איז געווען דער לעצטער פון די הייליגע ברידער וועלכע האבן געפירט מלחמות צו ראטעווען די תורה - יעצט ווי אזוי איז מעגליך אז תלמי, נאכ׳ן הרג׳נען דער באליבטער פירער פון פאלק, זאל קענען קומען קיין ירושלים און ערווארטן אז מ׳וועט צולאזן צו ווערן קעניג און איבערנעמען די מאכט? ער וואלט דאך זיכער באפאלן געווארן צום טויט! די מענטשן וואלטן אים צעמאלן ווי די פלייש פון א בהמה! צי איז ער טאקע געווען אזוי נאריש צו קומען קיין ירושלים צו די אויפגערעגטע מאסן?

ניין, ער איז נישט געווען נאריש, ער איז אינגאנצן נישט געווען נאריש. ווען מען שטייט אויס צו ווערן גע׳הרג׳ט איז קיינער נישט נאריש. ער האט גאנץ גוט פארשטאנען וואס ער האט צו טון. ער האט געוואוסט אז ירושלים איז באפלייצט מיט מתיוונים. זיי האבן נאך געווארט דארט אויף א געלעגנהייט. זיי האבן גענומען זייער צייט, ווארטנדיג צו קענען איבערנעמען די מאכט. אלזא, האט ער געוואוסט אז ער האט זייער שטארקע אויסזיכטן, מיט די הילף פון די מתיוונים, צו קענען אנקומען צום קעניגליכן טראן. נאר ווייל יוחנן האט אים מקדים געווען, ער איז אנגעקומען פריער, און נאך אלעם האבן אים די מענטשן געשעצט, ער איז פאקטיש געווען דער זון פון דעם דערמארדעטן קעניג, און ווען ער האט זיך געבעטן, "עפנט נישט די טויערן פאר תלמי און זיין באנדע," האט מען אים געפאלגט און מען האט אים, יוחנן, געקרוינט אלס נייער הערשער.

## די חשמונאים הערן אויף צו פרעגן

**אין** אנהייב איז יוחנן הורקנוס געווען געטריי צו די חכמים. וואס מיינט געטריי? ער האט גארנישט געטון אנדערש פון זייער ווארט. וואס זיי האבן געהייסן, האט ער זיך נישט געמאכט

אומוויסנדיג. אבער, ער האט זיי אויך גארנישט געפרעגט. די חשמונאים האבן אויפגעהערט צו פרעגן פון די חכמים. וואס דען האט יוחנן געטון? ער האט געמאכט א טראגישן טעות, פון וואס מיר ליידן ביז צום היינטיגן טאג.

ער האט זיך נישט דורכגערעדט מיט די חכמים, נאר מיט זיינע יועצים און גוטע פריינט. און ווער זענען געווען זיינע פריינט? ווי פריער דערציילט, האט זיין טאטע געהאט אריינגעברענגט אין זיין הערשאפט די מתיוונים. פון זיי האט יוחנן אנגענומען עצות אין אלע פאליטישע באשלוסן.

ער איז אריין אין אן אמביציע פון מלחמה, צו איינגעמען נאך שטחים. די חכמים וואלטן דאס קיינמאל נישט צוגעלאזט אבער זיינע יועצים האבן אים צוגערעדט, "זע, דו קענסט נישט בלייבן א קליין לאנד. אויב דו וועסט נישט איינגעמען אלע דיינע פיינט, וועלן זיי דיר איינגעמען. גיי ארויס אין מלחמה, פיר שלאכטן מיט די הילף פון דיינע סאלדאטן." און אזוי האט ער געטון. ער האט אנגעהויבן א תקופה פון נאכאנאנדע מלחמות און שלאכטן.

## יוחנן נעמט איין אדום

**פירנדיג** זיינע מלחמות, האט ער מצליח געווען צו איינגעמען דאס דערנעבנדיגע לאנד אדום. דאן האבן אים זיינע יועצים געזאגט, "צווינג די איינוואוינער פון אדום צו מאכן א ברית מילה און ווערן אידן."

דאס טאר מען אודאי נישט טון. אויב וואלט ער געפרעגט די חכמים, וואלטן זיי אים געזאגט, "נישטא אזא זאך. מען טאר נישט צווינגען א גוי צו ווערן א איד. אין אזא פאל הייסט ער נישט א איד."

אבער ער האט נשט געפרעגט די חכמים, ער האט געפרעגט זיינע פריינט, די מתיוונים, און זיי האבן אים צוגערעדט, "טו דאס. דאס הייסט נצחון. וועמען גייט אן אויב זיי מיינען דאס אמת'דיג אדער נישט?" ווייל די מענטשן האבן קיין פארבינדונג נישט געהאט מיט די אידישע אמונה. די מתיוונים האבן נאר געוואלט מאכט, איבערגעוועלטיגן אויף וואס מער מענטשן וואס רופן זיך אידן, עס מאכט נישט אויס אויב זיי זענען טאקע ווירקליכע אידן אדער נישט.

דאס איז פונקט ווי היינט אין ארץ ישראל. די ציונים ווילן מאכן גרים. יעדער וואס איז זיך מגייר, נישט קיין חילוק צי ער איז באמת אינטערעסירט, נישט קיין חילוק אויב ער האט זיך טאקע מגייר געווען; יעדער וואס איז אריבער עפעס א סארט פארמאליטעט, ער האט א דאקומענט אז ער האט זיך מגייר געווען, ווילן זיי אים האבן. ווייל פארוואס נישט? לאזט אים אריין! יעדער וואס וויל, לאזט אים קומען. און דאס איז וואס זיי האבן אויך דאן געוואלט.

## עס פירט צו א חורבן

**וואס** איז פון דעם ארויסגעקומען? דער חורבן בית המקדש האט פאסירט אלס רעזולטאט פון דעם! זיי האבן אריינגענומען די אדומיים צו ווערן א טייל פונעם אידישן פאלק, טראץ וואס זיי זענען נישט געווען געטריי צו די אידן, זיי האבן נשט געהאט קיין פארבינדונג מיט דעם באשעפער און די תורה, אבער די שלעכטע מענטשן האבן זיך יעצט גערופן 'אידן'. דערנאך, צוויי דורות שפעטער, האבן די אדומיים וועלכע האבן זיך מגייר געווען קעגן זייער ווילן און מען האט זיי געזאגט, "איר זענט יעצט אידן, איר זענט א טייל פון אונז, מיר באטראכטן אייך ווי אידן," אויסגע'הרג'ט דעם גאנצן בית חשמונאים, ביז קיין איינער פון די גאנצע משפחה איז נישט פארבליבן. עס איז מער נישטא קיין איין איד מיט'ן אפשטאם פון די חשמונאים. די אדומיים האבן פיינט געהאט די תורה און די אידן אבער ווייל זיי זענען פאררעכנט געווארן אלס אידן האבן זיי זיך אויסגעמישט מיט די אידן און זיי חרוב געמאכט.

נאך וואס זיי האבן אויסגע'הרג'ט דעם בית חשמונאים האבן זיי איבערגענומען די מאכט און הורדוס איז געווארן דער קעניג, וואס דער הורדוס איז געווען שולדיג אין דעם חורבן בית המקדש. מיר וועלן נישט יעצט אריינגיין אין די מעשה, אבער דאס איז באוואוסט אין די היסטאריע. הורדוס איז דער וואס האט געשיקט די אידן אין גלות. אדום האט אונז געמאכט דעם חורבן - די גמרא רעדט אסאך דערפון.

## יוחנן פרעגט נישט קיין שאלות

**ווי** אזוי האט דאס טאקע פאסירט? דאס איז געשען ווייל יוחנן הורקנוס האט נישט צוגעהערט צו די חכמים. ער האט אויסגעהערט אנדערע, די פאליטיקאנטן. אין די ערשטע צוואנציג יאר פון זיין הערשאפט איז ער געווען באטראכט אלס ערליכער איד. ער פאר זיך האט געהיטן

די גאנצע תורה. אבער ער האט זיך געפירט זעלבסטשטענדיג. ער איז נישט געווען קיין ׳תלמיד׳, ער איז נישט געקומען לערנען. ער איז נישט געקומען אויסהערן די חכמים. ער האט זיך נישט אונטערגעווארפן צו זייער הדרכה אין ענינים פון פאליטיק. ער האט זיי געפרעגט שאלות ווען עס איז געקומען צו כשרות, טריפות, ווען צו אנהייבן זאגן ׳ותן טל ומטר לברכה׳; אזעלכע סארט שאלות און מער נישט.

פונקט ווי א מענטש היינט קומט צו זיין רב פרעגן, "וואספארא נאמען זאל איך געבן פאר מיין ניי געבוירן מיידל?" "אין וועלכע נאכט זאל איך אנצינדן א יארצייט ליכט?" דאס אלעס איז וואס ער פרעגט. אבער אין אנדערע ענינים, די וויכטיגע זאכן אין לעבן, אויף דעם זאגט ער, "איך וועל טון ווי איך פארשטיי. איך דארף נישט האבן קיין דעת תורה אויף דעם."

ווייל יוחנן האט נישט געפרעגט די חכמים, ער האט אליין געמאכט באשלוסן, איז ער געווארן זייער פארדארבן און אויך זיינע קינדער זענען געווארן פארדארבן. כאטש אויסערליך האבן זיי ווייטער אויסגעזען ווי ערליכע אידן אבער טיף אינעווייניג האבן זיי פארלוירן זייער גאנצע ערליכקייט.

## ער איז אויפגע־וואקסן אויפ׳ן שלאכט פעלד

**ער** איז צוריקגעקומען נאך א נצחון אין טשעלקוס, א געוויסע מדינה וואס ער האט איינגענומען. ער איז געווען זייער ווייט פון לימוד התורה, ער האט קיינמאל קיין תורה נישט געלערנט. זיין גאנץ לעבן איז ער אויפגעוואקסן אויפ׳ן שלאכטפעלד. אלס קינד האט ער געקעמפט זייט ביי זייט מיט זיין זיידן און פעטערס. ער האט געקעמפט פאר די תורה, אבער אפילו ווען מען קעמפט פאר די תורה האט מען נישט קיין געלעגנהייט צו לערנען די תורה, איז מען דאס נישט קונה. מען איז ווייט פון די תורה. ער איז געווען לײדיג פון תורה און דערפאר האט ער נישט געהאט אין זיך דעם גייסט פון די תורה. דערצו נאך אז אלע זיינע פריינט זענען געווען די שלעכטע מענטשן וואס זיי איז אינגאנצן נישט אנגעגאנגען אידישקייט, די וואס זענען אמאל געווען די שונאים פון דאס אידישע פאלק. די קינדער פון די אמאליגע מתיוונים זענען געווען זיינע פריינט און יועצים און זיינע זין זענען געווען די ערשטע צו ווערן פארדארבן פון זיי. ער איז נישט גלייך נאכגעשלעפט געווארן צו זייער פארדארבנקייט אבער ווען ער איז צוריקגעקומען פון טשעלקוס האט ער געמאכט זייער א גרויסע סעודה אויף גאלדענע טישן.

ער האט איינגעלאדנט די רשעים און אויך די חכמים. פון דעם קען מען פארשטיין וואספארא סארט פארשוין ער איז געווען. טאקע, ער האט נאך געשעצט די חכמים - ער האט זיי אויך געלאדנט, אבער ביים זעלבן טיש האט ער געזעצט די פושעי ישראלים. דאס אליין צייגט אז אינעווייניג איז ער שוין נישט געווען דאס וואס זיין משפחה איז אמאל געווען.

## א שפיצל מיט׳ן ציץ

**זיצנדיג** ביי די סעודה האט אים איינער פון זיינע יועצים, א יונגער מענטש מיט׳ן נאמען אלעזר, וואס די גמרא באטיטלט ׳א שלעכטער מענטש און א לץ׳ געזאגט, "טו אן דעם ציץ, דער לבוש פונעם כהן גדול, אויף דיין קאפ." יוחנן האט געלאזט ברענגען דעם ציץ און עס אנגעטון.

דאן האט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די חכמים און געזאגט צו יוחנן, "גענוג וואס דו ביסט א קעניג, עס פאסט נישט פאר דיר צו זיין דער כהן גדול."

"פארוואס?" האט יוחנן געפרעגט.

האט דער תנא געענטפערט, "מיר האבן געהערט אז אין די צייטן ווען אידן זענען געווען אונטער די הערשאפט פון אנטיוכוס, אונטערדריקט פון זיינע גזירות, איז דיין מאמע פארכאפט געווארן צווישן די גוים און לויט די הלכה טארן די קינדער פון אזא פרוי נישט טון די עבודה אין בית המקדש. דערפאר טארסטו נישט זיין דער כהן גדול."

ווען יוחנן האט דאס געהערט, איז ער געווארן דערפון זייער אויפגעקאכט. ער האט געזאגט, "ברענג מיר באווייזן אויף דעם."

איינער פון די חכמים, וועלנדיג בארואיגן דעם קעניג׳ס אויפברויז, האט זיך אנגערופן, "פארגעס פון דאס וואס

איז געזאגט געווארן.״ אבער דער קעניג האט נישט נאכגעלאזט, זאגנדיג, ״אז מען ברענגט אויף א טענה דארף מען דאס קענען באווייזן.״

ער האט באלד צאמגעשטעלט א קאמיסיע וואס זאל נאכפארשן די מעשה, און די טענה קעגן עם איז אפגעווישט געווארן.

## די סנהדרין פארלירן זייער כח

**דאן** האט זיך יוחנן געווענדן צו די חכמים מיט א שאלה, ״אצינד, וואס וועט איר טון צו דעם מענטש וואס האט אויפגעברענגט די טענה קעגן מיר?״ האבן די חכמים געענטפערט, ״וואס ווילסטו מיר זאלן טון צו אים? וואס קענען מיר דען טו צו אים? מיר פירן זיך לויט די תורה, וואו עס שטייט נישט אז מען זאל הרג׳נען א מענטש וואס ברענגט אויף א טענה. אויב קומט זיך אים יא א שטראף, די מערסטע וואס מיר קענען טון איז געבן מלקות מרדות, אריינשמייסן, וואס דאס קומט פאר א נישט ריכטיגע פירונג.״

״דאס איז די גאנצע וואס איר וועט אים טון, נאר שמייסן?״ האט יוחנן געפרעגט, ״דאס באווייזט אז איר זענט אויף זיין זייט, איר טראכט דאס זעלבע ווי אים.״ דאן האט יוחנן אפגעהאקט אינגאנצן זיינע פארבינדונגען מיט די חכמים.

אין אמת׳ן, ווען מ׳קוקט אריין אין די מעשה, האבן די חכמים זיך יא אנגענומען פאר יוחנן, זיי האבן אים געהאט געזאגט ער זאל איגנארירן דעם תנא וואס האט גערעדט קעגן אים, אבער יוחנן איז שוין געווען אונטערגעהעצט דורך זיינע יועצים. די קומענדיגע שריט פון יוחנן איז געווען, צו אפשאפן דעם כח פון די חכמים. ״מיר וועלן היטן די תורה אן די הדרכה פון די חכמים,״ האט ער געזאגט און מיט דעם זיך צוגעשטעלט צו די השקפה פון די צדוקים.

דערנאך איז ער געגאנגען א שטאפל ווייטער, צו אזא שרעקליכן טאט, אויסצוהרג׳נען אלע חכמים, וועמען מען האט נאר געקענט כאפן.

## די חשמונאים ווערן פארלוירן

**אצינד** טרעפן מיר זיך אן מיט א מענטש וואס זיין זיידע און פעטערס האבן מלחמה געהאלטן און זיך מוסר נפש געווען פאר די תורה, און ער גייט נאר ארום זוכן די חכמים אין זייערע באהעלטעניש און ערמארדעט זיי. די סנהדרין, וואס איז געווען צאמגעשטעלט פון די אויסדערוועלטע חכמים, האט געהאט א פירנדע כח איבער דאס אידישע פאלק. זיי האבן גע׳משפט די אידן גענצליך נאר לויט די אנווייזונגען פון די תורה הקדושה. און יעצט האבן די שוואכלינגען פון פאלק געוואלט מאכן א סוף צו דעם.

אלס שטראף אויף די שרעקליכע זינד, איז געקומען א חורבן אויף די חשוב׳ע משפחה. נאך צוויי, דריי דורות, האבן די אדומיים וועלכע זענען געצוואונגען געווארן זיך צו מגייר זיין,

לייענט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס
״גליונות לשבת קודש״
מיט נאך צענדליגע הערליכע גליונות על פרשת השבוע וסיפורי מעשיות



איבערגענומען די מאכט. די גאנצע משפחה פון די חשמונאים זענען אפגעווישט געווארן ביז׳ן לעצטן מענטש. קיין איין איינציגער פון די חשמונאים איז נישט פארבליבן אין די שפעטערע דורות!

## לייג אכט אויף דיינע מעשים!

**א** שטארקער מוסר השכל קענען מיר לערנען פון די מעשה. אייגנטליך זענען דא פיל לערנונגען דערין. איינע פון זיי איז, נישט קיין חילוק ווי גוט דו ביסט, דארפסטו שטענדיג אכטונג געבן. אונזערע חכמים זאגן, ״אַל תַּאֲמֵן בְּעַצְמָךְ עַד יוֹם מוֹתָךְ - זאלסט נישט גלייבן אין דיר ביז דעם לעצטן טאג פון דיין לעבן!״ (אבות ב,ד) דא האט זיך געהאנדלט פון איינע פון די חשוב׳סטע משפחות, א פאמיליע וואס איז גרייט געווען צו מקריב זיין זייער לעבן פאר די תורה, אבער ווייל זיי האבן נישט אכטונג געגעבן, זיי האבן זיך נישט געהיט אז פרעמדע השפעות זאלן נישט אריינדרינגען, איז דער סוף געווען אז זיי זענען געווארן פיינט פון די תורה. נישט נאר פיינט, נאר זיי זענען גאר ארויס אויף אן אקציע צו הרג׳ענען, אויסמארדן אלע חכמים. עס איז אומגלויבליך ווי מען קען גיין פון איין עקסטרעם צום צווייטן. דאס איז א שטארקע לערע ווי ווייט א מענטש דארף אכטונג געבן אויף זיינע מעשים, ווי שעדליך עס קענען זיין פרעמדע השפעות. עס טראפט אריין אביסעלע און נאך אביסעלע, ביז אפילו גוטע מענטשן, פיינע משפחות קענען ווערן געשעדיגט אויף שטענדיג. אפילו דער גרויסער נס פון חנוכה, דער צוריקקער צום בית המקדש, איז מיט די צייט צונישט געווארן צוליב די גוי׳ישע השפעות וואס האבן אריינגעדרונגען צו אונזער פאלק, דורך די באפריינדונג פון זינדיגע אידן.

## ״עשה לך רב״

**נאך** א לערע וואס מיר קענען דערפון ארויסנעמען, איז אז דער גורל פון דאס אידישע פאלק ליגט אין די הענט פון די תורה מנהיגים. ווען א מענטש הערט נישט אויס די גדולי ישראל, ווען ער וועלט זיך אויס אנדערע עצה געבערס, וועט דער סוף זיין אזוי ווי עס האט פאסירט מיט די חשוב׳ע משפחה. דערפאר ווערט די געשיכטע דערציילט. עס איז א טייל פון די תורה, עס ווערט געברענגט אין די גמרא, אונז צו לערנען א וויכטיגער לימוד. די נידערלאגע פון די חשמונאים איז געקומען צוליב דעם וואס זיי האבן נישט נאכגעפאלגט מיט גאנצקייט די הדרכה פון די חכמים. אזא פירונג האט שטענדיג גורם געווען א חורבן פאר דאס אידישע פאלק. ווי אנדערש וואלט געווען דער שיקזאל פון יוחנן הורקנוס און זיין משפחה, און דער צוקומפט פון דאס אידישע פאלק, אויב וואלטן זיי געטריי געהארכט צו די תורה פירער. אויב וואלטן זיי אויסגעהערט די הדרכה פון דעם תנא, דער אב בית דין נתאי הארבלי, וועלכער האט געלערנט, ״הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע, וְאַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע - דערווייטער זיך פון א שלעכטן שכן און זאלסט זיך נישט באהעפטן צו א רשע״ (אבות א,ז), וואלטן זיי געראטעוועט געווארן; אבער אזוי זענען זיי פארלוירן געווארן אויף אייביג.

סיי אויב דו ביסט א קעניג אדער א פשוט׳ער מענטש, וועט דיין הצלחה אין לעבן זיך ווענדן אין וויפיל פארבינדונג דו האסט צו דיין רבי. עֲשֵׂה לְךָ רַב (אבות א,ו) מיינט, מאך פאר דיר א רבי, און האלט זיך נאנט מיט אים דיין גאנץ לעבן. זוך ביי אים עצות אין אלעם. אין אלעם ממש! און דאס איז דער וועג צו הצלחה, ווי ווייט א איד קען מצליח זיין אויף דער וועלט.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
**צו וואס פארא תיקון איז יעקב אבינו צוגעקומען דורך פארלירן זיין זון יוסף פאר עטליכע יאר?**

## תשובה:
**איך** בין נישט קיין נביא און מיין רוח הקודש האב איך געלאזט אין שטוב... איך האב עס נישט מיט מיר יעצט, איך קען נאר פרובירן צו ענטפערן אויבערפלעכליך.

דו מוזט פארשטיין אז צווישן די פולע פעולות וואס הקדוש ברוך וויל אונז לערנען איז "יד השם" אז דער אויבערשטער געוועלטיגט איבער דער וועלט. אויב יעקב וואלט ווען געוואוסט איבער יוסף אז ער איז אין מצרים, אויב יוסף וואלט אים געקענט שרייבן בריוון: "איך בין געווארן דעם באדינער ביי פוטיפר." אין אן אנדערע בריוו: "איך בין אין תפיסה ווייל זיין ווייב האט זיך אנגעטשעפעט אין מיר." און נאך א בריוו: "יעצט בין איך ארויסגעקומען. איך בין משנה למלך." דאן וואלט די גאנצע געשיכטע נישט געווען אן איבעראשונג פאר יעקב אבינו. ווען ער וואלט ענדליך אנגעקומען קיין מצרים מיט זיין משפחה וואלט עס נישט געהאט אזא גרויסע השפעה אויף אים, ער וואלט זיך נישט געלערנט דעם געוואלדיגן לימוד וואס ער האט זיך געלערנט.

יעקב האט געמיינט אז יוסף לעבט שוין נישט, פלוצלינג זענען די ברודערס אים געקומען איינמעלדן די בשורה, "חלש נישט," האבן זיי אים געזאגט, "מיר האבן גוטע נייעס פאר דיר, עוד יוסף חי', ער איז א מושל אין מצרים!" ס'איז געווען ווי א דינער אינמיטן העלן טאג! פון דער ערד האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער איז מושל אין מצרים?! דאס מאכט א געוואלדיגע השפעה.

וואס האט יעקב געזאגט צו הקדוש ברוך הוא? "ברוך השם! דו פירסט די וועלט-מיר ווייסן גארנישט! מיר לעבן אין א טינקעלע וועלט. דא האב איך געמיינט אז איך באוויין דעם פארלוירענער יוסף און בעצם האט ער אין דער צייט געשטיגן אין ראנג אין מצרים. עוד יוסף חי!" דער לימוד איז געווען אזוי טיף אז יעקב האט זיך אינגאנצן געטוישט. ער איז ממש געווארן עלעקטריזירט הערנדיג די בשורה. אלע זיינע מדריגות צו וואס ער איז צוגעקומען ביז היינט איז געווארן געדאפלט פולפאכיג מער דורך דעם איבערלעבעניש.

דעריבער איז נישט קיין שום שאלה אז יעקב האט נאר געהאט ריווח פון דעם דורכגאנג. און איך בין זיכער אז סאיז געווען נאך גוטע רעזולטאטן.

# נדבת השבוע

נדבת השבוע נתנדב ע"י
**הרוצה בעילום שמו**
ויה"ר שזכות הרבים יעמוד לו שיזכה לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מידי דמיטב עבה"ג בב"א